№ 165 | פרייז 2 קאפ. | Lodzer Tageblatt.

לאדזער טאגעבלאט

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ה. רייזנער, טווארדא 28, טעל. 17-63

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז און רוסלאנד: פ' יאהר, 8 רובל. פ' האלב יאהר 4 רובל. פ' פערטעל יאהר 2 רובל. פ' חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: פ' חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשן: Лодзь. Тагеблатъ

אנאנסען-פרייז: פאר א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע און דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגס און חתונה-אנזאגען 1 מע ביז 1.60 — לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

16 (29) יולי 1914. | מיטוואך מנחם אב ו' תרע"ד | זיבענטער יאהרגאנג

עסטרייך האט אפיציעל ערקלערט מלחמה סערביען.

אלגעמיינע מאביליזאציע אין עסטרייך.—קאנפיסקירט סערבישע קריעגס-שיפען.—אויפגעריסען די בריקען צווישען עסטרייך און סערביען.—קלאנגען, אז מען האט דערהרג'עט דעם דייטשען באטשאפטער אין בעלגראד.—א בלוטיגער צוזאמענשטויס צווישען פאליציי און סאציאליסטען אין בערלין.—

בלוטיגע שלאכטען צווישען עסטרייכישען און סערבישען מיליטער.

דאס גאנצע מיליטער פערלאזט בעלגראד.

ניש (ספ.) פון זעמלין מעלדעט מען, אז היינט אין דער פריה האבען די לעצטע סערבישע מיליטער-אבטהיילונגען פערלאזט בעלגראד. אין דער שטאדט האט מען נור איבערגעלאזט פאליציי-און זשאנדארמען-אבטהיילונגען. די הויפט-מיליטער-קרעפטען פון סערביען קאנצענטרירען זיך איצט ארום ניש, אויך אין קראגויעוואץ און סאמאנדריא.

מארגען—דער קריטישער מאמענט.

פאריז (ספעציעל) פואנקארע קומט מארגען צוריק פון זיין רייזע קיין פאריז און באלד וועט ער צונויפרופען א קאנפערענץ פון מיניסטערען-ראט. אין די דיפלאמאטישע קרייזען פערזיכערט מען, אז דער קריטישער מאמענט וועט זיין מארגען. מארגען וועט קלאר ווערען, צי עס וועט אויסברעכען אנ'אייראפעאישער קריעג, אדער די מלחמה וועט לאקאליזירט ווערען. די שפאנונג איז אויסערגעוועהנליך און ווי עס ווייזט אויס, וועט די וואגשאל אריבערוועגען אויף דער זייט פון מלחמה.

א עסטרייכישער נצחון איבער סערביען.

ווין (ספעציעל) נעכטען האט אויסגעבראכען א הארטנעקיגער קאמפף צווישען סערבישען און עסטרייכישען מיליטער ביי מיטראוויטש. די סערבישע סאלדאטען האבען ארויסגעוויזען א ווילדען ווידערשטאנד. נאר ענדליך געמוזט אבטרעטען. אין דער שלאכט זיינען פון ביידע צדדים פיעל מענשען דערהרג'עט און פערוואונדעט געווארען.

די ידיעות וועגען ערשטען נצחון פון עסטרייך האט אין ווין ארויסגערופען א גרויס התלהבות. עס זיינען פארגעקומען נייע גרויסע פאטריאטישע מאניפעסטאציעס.

ווין (ספעציעל) היינט האבען זיך ווידער אנגעהויבען בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען עסטרייכישען און סערבישען מיליטער איבער'ן טייך דונא, דורך וועלכען דאס עסטרייכישע מיליטער האט געוואלט אריבערגעהן קיין סערביען וואס עס האט זיך זיי דערווייל נישט איינגעגעבען. סערבישע פריוויליגע צוזאמען מיט'ן רעגולערען מיליטער האבען גע־פרובט אריבערגעהן אויפ'ן עסטרייכישען טעריטאריום. ס'האט אויסגעבראכען א פערביטערטער קאמפף. פון ביידע זייטען זיינען פארהאן זעהר פיעל דערהרג'עטע און פערוואונדעטע.

מאניפעסטאציעס אין רוסלאנד

פעטערבורג (פ.) שפעט אין אווענד האט א גרויסער המון געמאכט א מאניפעסטאציע אויף די גאסען. די מאניפעסטאציע איז פריהער צוגעגאנגען צו דער רעדאקציע פון „נאוו. וור.“ און דאן איז זי אוועק צו דער סערבישער געזאנדשאפט. עס האבען זיך געהערט אויסרופען: „עס לעבע סערביען!“ „נידער מיט עסטרייך!“. דער המון האט אויך געוואלט צוגעהן צום עסטרייכישען באטשאפטער, נאר די פאליציי האט עס נישט דערלאזט.

אויפ'ן ווארשאווער וואקזאל האט דאס פובליקום געמאכט רוישענדע אוואציעס סערבישע אפיצירען, וואס זיינען אוועקגעפאהרען. איינער פון די אפיצירען האט געדאנקט דעם פובליקום. דער צוג איז אוועק אונטער די טענער פון הימן און אונטער הורא-אויסרופען.

מאסקווא (פ.) שפעט אין אווענד האט א גרויסער המון זיך צונויפגעקליבען אויף טווערער בולוואר און מיט „הורא“-געשרייען געוואלט צוגעהן צום עסטרייכישען קאנסולאט. די פאליציי האט עס נישט דערלאזט און די דעמאנסטראנטען זיינען רוהיג זיך צונאנגען.

אנ'אפיציעלע מיטטיילונג.

פעטערבורג (אפיציעל) די פיעל פאטריאטישע מאניפעסטאציעס, וועלכע זיינען אין פערלויף פון די לעצטע טעג פארגעקומען אין די הויפט-שטעדט און אנדערע ערטער פון דעם לאנד בעווייזען, אז די זיכערע און רוהיגע פאליטיק פון דער רעגירונג האט געפונען אנ'אפקלאנג פון מיטגעפיהל צווישען די ברייטעסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג. די רעגירונג האפט אבער, אז דער אויסדרוק פון פאלקס-געפיהל וועט נישט אננעהמען דעם כאראקטער פון פיינדליכקייט נעגען די מלוכות, מיט וועלכע רוסלאנד האט זיך געפונען און וויל אויך ווייטער בלייבען אין פריינדליכקייט. שעפענדיג קראפט אין דעם דערהויבענעם גייסט פון פאלק און רופענדיג די רוסישע לייט צו רוה, שטעהט די קייזערליכע רעגירונג אויף דער וואך פון דער עהרע און די אינטערעסען פון רוסלאנד.

אלגעמיינע מאביליזאציע אין עסטרייך.

ווין (ספעציעל) היינט דארף ערקלערט ווערען אנ'אלגעמיינע מאביליזאציע אין גאנץ עסטרייך. מארגען וועט דאס עסטרייכישע מיליטער אריבער דעם דונאי און די סאווא.

ווייטערדיגע מאביליזאציע.

ווין (ספעציעל) די עסטרייכישע רעגירונג טרעט צו צו דער ווייטערדיגער מאביליזירונג פון די 8 קארפוסען מיליטער. אויף דער עסטרייך-סערבישער גרעניץ איז שוין קאנצענטרירט ביז 270 טויזענד סאלדאטען. היינט אדער שפעטסטענס מארגען וועט די צאהל סאלדאטען ביי דער גרעניץ דערגרייכען ביז א האלבען מיליאן.

א נייע מאביליזאציע אין סערביען.

ווין (ספעציעל) פון בעלגראד מעלדעט מען, אז מען האט ערקלערט א נייע מאביליזאציע אין סערביען, מען האט גערופען צום מיליטער פון 18 ביז 60 יאהר. דער הויפט-קווארטאל איז אריבער קיין ניש, וואוהין עס איז אויך ארויסגעפאהרען דער קעניג פעטער.

אנ'אפיציעלע קריעגס-ערקלערונג פון עסטרייך.

ווין (דרינגענד) אין אן עקסטרא-אויסגאבע פון אפיציעלען ארגאן איז אבגעדרוקט פאלגענדע קריעגס-ערקלערונג: אזוי ווי די קעניגליך-סערבישע רעגירונג האט נישט געענטפערט אויף א באפריעדיגענדען אופן אויף דער נאטע, וואס איז איהר איבערגעגעבען געווארען דורכ'ן עסטרייך-אונגארישען באטשאפטער אין בעלגראד דעם 10|23 יולי 1914 יאהר, איז די קייזערליך-קעניגליכע רעגירונג געצוואונגען אליין צו פערטיידיגען איהרע רעכט און אינטערעסען און זיך ווענדען מיט דעם ציעל צו דער קראפט פון געוועהר.

עסטרייך-אונגארן רעכענט זיך פון איצטיגען מאמענט אז אין קריעגס-צושטאנד מיט סערביען.

טערקיי מאביליזירט.

קאנסטאנטינאפאל (ספעצ.) די טערקישע רעגירונג האט מאביליזירט די רעזערוויסטען פון די יאהרען 1897—1898. עס איז צו בעמערקען א פיבערהאפטע קריעגס-בעוועגונג.

ארויסגעפאהרען דער סערבישער מיליטער-אטאשע פון קאנסטאנטינאפעל.

קאנסטאנטינאפעל (ספעצ.) דער סערבישער מיליטער-אטאשע אין קאנסטאנטינאפעל האט בעקומען א בעפעהל פון זיין רעגירונג, זאפארט צו פערלאזען קאנסטאנטינאפעל. דושעמאל-ביי האט אבגעלעגט זיין רייזע קיין אויסלאנד.

מאביליזאציע אין דער שווייץ

בערנע (ספעצ.) די שווייצארישע רעגירונג מאכט שטארקע הכנות צו אנ'אלגעמיינע מאביליזאציע. דער פאלקאווניק הילע און אנדערע אפיצירען פון גענעראל-שטאב זיינען פלוצלונג צונויפגערופען געווארען קיין בערן אויף א וויכטיגע בעראטונג. אין די גרעניץ-קאנטאנען איז צו בעמערקען איליגע מאנעווערעס פון מיליטער.

דייטשלאנד וויל נישט קיין פערמיטלונג.

בערלין (ספעצ.) אפיציעל ווערט מיטגעטיילט, אז די דייטשע רעגירונג האט אבגעווארפען דעם פארשלאג פון ענגלאנד, צו בעטיילינגען זיך אין דער פערמיטלונגס-קאנפערענץ. די דייטשע רעגירונג וועט זיך נישט אריינלאזען אין קיין שום אונטערהאנדלונגען און אין קיין פערמיטלונג, ווייל זי וויל פיהרען איהר פאליטיק זעלבסטשטענדיג.

דענעמארק מאביליזירט.

קאפענהאגען (פ.) די היגע צייטונגען בעשטעטיגען, אז אויב'ן פאל פון אנ'אייראפעאישען קריג, מאביליזירט דענעמארק דאס מיליטער, אום אבצוהיטען די נייטראליטעט.

רומעניען וועט זיך נישט מישען.

בוקארעסט (פ.) רומעניען האט בעשלאסען זיך נישט אריינצומישען אין עסטרייך-סערבישען קאנפליקט.

בעליידיגט דעם סערבישען הערב.

ווין (ספעציעל) פאר'ן סערבישען קאנסולאט האט מען דא געמאכט א פיינדליכע מאניפעסטאציע. די מאניפעסטאנטען האבען אראבגעריסען פון קאנסולאט-בנין דעם סערבישען הערב און איהם אריינגעווארפען אין דונאי.

די בעלגראדער אנטלויפען.

בודאפעשט (פ.) פון זעמלין מעלדעט מען, אז אהין זיינען נעקומען 8,500 סערבישע אונטערטאנען פון בעלגראד. די 900 אונטערטאנען, וואס זיינען נאך איבער-געבליבען קומען היינט.

די הכנות אין ענגלאנד.

לאנדאן (ספעצ.) די צווייטע ענגלישע דעוויזיע איז מאביליזירט און איז מלחמה-גרייט.

לאנדאן (פ) לויט א בעפעהל פון דער אדמיראליטעט האט מען אלע רעזערוויסטען-מאטראסען, וואס האבען געדארפט געהן אהיים איבערגעלאזען אין פלאט, אויך אלע פלאט-אפיצירען האבען בעקומען א בעפעהל צו בלייבען אויף זייערע פאסטענס.

ווידער קאנפיסקירט סערבישע שיפען.

ווין (ספעציעל) נעכטען האבען די עסטרייכער ווידער קאנפיסקירט צוויי סערבישע דאמפפערס ביי קאטשעווא. צווישען דעם סערבישען מיליטער פון די דאמפפער'ס און דעם עסטרייכישען מיליטער האט אויסגעבראכען א בלוטיגער קאמפף. עס זיינען פארהאן פערוואונדעטע און דער'הרג'עטע. דאס סערבישע מיליטער איז גענומען געווארען אין געפאנגענשאפט. די קאנפיסקירטע דאמפפער'ס זיינען די סערבישע קריעגס-שיפען „ווארדאר“ און „צאר ניקאלאי“.

אויפגעריסען בריקען.

ברימעל (ספעציעל) פון ווערדער מעלדעט מען, אז א סאפיארען-אבטהיילונג אין לאידיום גרייט זיך אויפצורייסען א גאנצע רייהע בריקען הינטער וואלדענאי. וואס איז דער וויכטיגסטער אייזענבאהן-פערבינדונג צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, ווי אויך די בריק הינטער באווערי.

דער'הרג'עט א דייטשען באטשאפטער?

בערלין (ספעציעל) די „דייטשע טאגעסצייטונג“ ברענגט אן אויסערגעוועהנליך סענסאציאנעלע ידיעה, אז מען האט אין בעלגראד ער־מארדעט דעם דייטשען באטשאפטער. א בעשטעטיגונג פון דער ידיעה פעהלט דערווייל.

דעמאנסטראציעס געגען מלחמה.

פאריז (ספעציעל) נעכטען זיינען דא פארגעקומען גרויסע דעמאנסטראציעס געגען מלחמה.

א בלוטיגער קאמפף אין בערלין.

בערלין (ספעציעל) די סאציאל-דעמאקראטען האבען געמאכט א גרויסע דעמאנסטראציע געגען מלחמה. די פאליציי האט די דעמאנסטראנטען געוואלט צוטרייבען. צווישען דער פאליציי און די דעמאנסטראנטען איז ענטשטאנען א העפטיגער קאמפף. פון ביידע זייטען האט מען געשאסען. עס זיינען פארהאן פיעל דערהרג'עטע און פערוואונדעטע. דער קאמפף דויערט ווייטער און נעהמט אן א רעוואלוציאנערען כאראקטער. ווייטערדיגע פרטים פעהלען.

Dr. med. H. Rożaner
ד"ר מעד. ה. ראזשאנער
ביז'ן 30 יולי ציעגעל-שטר. 4 טעל. 88-31
פון 30-טען יולי קרוטקא № 9
ג. עסיסט. פון דער בערלינער קליניק. ספעציעל-ארצט פיר הויט און וועגערישע קראנקהייטען. נייעסטע מעטאדען צור היילונג פון גאנארישען טריפער (נאך פראנק) און סיפיליס (קאמבינירטע בעהאנדלונג) מענער-שוואכע, בעלעכטונג פון הארן-קאנאל, היילונג פון האר-אויספאלען. שפרעכשטונדען פון 8—12½ און 4—8½ נאכמ.

6879 DR. MED. 22
A. EISENMAN
דר. א. אייזענמאן
ארדינאטאר פון „אוזדראוויסקא“
11 זגערזשער 11
(בײ דער זגערזשער טראמוואי-סטאנציע)
אינערע און קינדערקראנקהייטען.
נעהמט אן פון האלב 4—האלב 7
זונטאג און פייערטאגע פון 11 ביז האלב 2

די קריעגס-בעגייסטערונג אין דייטשלאנד.

(ספּעציעל פאַרן „לאָדזער טאָגעבלאַט").

„קריעג!"

איך קען זיך ניט פאָרשטעלען נאָך אזא וואָרט, א בעגריף איבער א געשעהע-ניש, וואָס זאָל האָבען אזא מעכטיגע עלעקטריזירענדע ווירקונג אויף מענ-שען, ווי דער רוף „קריעג" האָט גע-האַט אין דייטשלאנד די לעצטע פאַר טעג.

דאָס איז געווען א מאַסען-היפּנאָז. קליין און גרויס, אלט און יונג, אלע געזעלשאַפטליכע קרייזען אחוץ אַנ'אונטער-שיעד פון זייער פּאָליטישער ריכטונג, פון זייערע סאָציאַלע אידעאַלען און פון דער קולטורעלער מדרגה, אויף וועל-כער זיי שטעהען—אלע זענען זיי פער-שכור'ט געוואָרען פון בעגייסטערונג, בעת ס'זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות, אז ס'האלט ביי א בלוטיגען קאָנפליקט צווישען עסטרייך און סער-ביען.

„די מלחמה פאַר דער מיר"—אונ-טער אזא אויפשריפט האָבען דאָס רוב דייטשע בלעטער געבראַכט די ערשטע מעלדונגען וועגען דער עסטרייכישער נאָטע און וועגען דעם טומעל, וואָס די נאָטע האָט ארויסגערופען אין איירופּא.

און מיט א אונגעהויערען אינטערעס, מיט א גוואַלדיגער שפּאַנונג, מיט א אונגלויבליכער גייעריגקייט האָט מען פערשלונגען די לעצטע נייעס, וועלכע האָבען עפּיס פּלוצלונג אין איין כהרף עין אָבגערוקט אלע אנדערע אינטע-רעסען אויפ'ן הינטערשטען פּלאַן. די בלעטער האָט מען געחאַפּט פון די הענד, און אריינלייענענדיג זיך אלץ מעהר אין די ידיעות, האָט זיך, פער-שטעהט זיך, די טעמפּעראַטור פון פּאַטריאָטישען ענטוזיאַזם וואָס א מאָל געהויבען. עסטרייכ'ס ענטשלאָסענהייט און קאַטעגאָרישע ארויסטרעטונג האָט ארויסגערופען די גרעסטע בעוואונ-דערונג ביי די דייטשען, וועלכע זענען ביז א הער ניט געוואוינט געווען צו זעהען אזא ענערגיע און ווילענס-קראַפט ביי דער דיפּלאָמאַטיע פון דער בע-פריינדעטער מלוכה.

עסטרייכ'ס שריט האָט מיט א מאָל צורייצט די פּאַנגערמאַניסטישע אַפּעטי-טען און צופלאַקערט דעם חשק זיך צומעסטען מיט די כחות מיט די סלאַווי-שען פעלקער.

דער טאָן פון דער פּרעסע און די שטימונג פון דער בעפעלקערונג זענען געוואָרען קריעגעריש.

— „מאָמיר וועט זיך אריינמישען אנ'אנדערע מלוכה (לייען רוסלאנד) אין דעם עסטרייכיש-סערבישען קאָנפליקט,— האָט מען אומעטום געהערט ריידען,— וועלען מיר זיך מיט פרייד שטעלען ביי דער זייט פון אונזערע עסטרייכישע ברידער, אום צו קעמפּפען מיט זיי איינאיינעם פאַר זייערע גערעכטע פאָ-דערונגען".

פרייטאָג ביי טאָג האָבען די ערשטע עקסטרא-בלעטער פערשפּרייט די מעל-דונג, אז עסטרייך האָט איבערגעגעבען די נאָטע אין סערביען. און פון דעם מאָמענט אָן איז די שטימונג געוואָרען עלעקטריזירט און נערוועז. מיט א אונ-געהויערער שפּאַנונג און אונגעדולד האָט מען געוואַרט ביז שבת 6 א זייגער פאַרנאַכט, ד. ה. ביז'ן טערמין, ווען סערביען האָט געמוזט געבען א תשובה. צעהנדליגער עקסטרא-בלעטער, וואָס זענען ארויסגעגאַנגען אלע צוויי שעה, האָבען דערווייליגע געהאַלטען די שטימונג אין שפּאַנונג. און אז ס'איז ענדליך גע-קומען די ידיעה, אז סערביען האָט ניט אָנגענומען די עסטרייכישע פאָדערונגען איז אויסגעבראָכען א אונבעשרייבליכע קריעגערישע בעגייסטערונג און א שטורם פון פּאַטריאָטישען עקסטאַז.

איך האָב זיך גראָדע געפונען אויפ'ן וועג פון שטעטין קיין בערלין. פער-שטעהט זיך, אז אין אלע קופּעס, אויף אלע סטאַנציעס האָט מען קיין אנדער טעמא ניט געהאַט צום ריידען, ווי נאָר וועגען קריעג. די נערוועזע ערוואַרטונג און אונגעדולד איז וואָס א מאָל געוואַ-קסען גרעסער. אויף די לעצטע פאַר סטאַנציעס פאַר בערלין האָט מען שוין ארום 8 א זייגער פאַרנאַכט בעקומען די ערשטע עקסטרא-בלעטער פון די בערלינער צייטונגען מיט דער גרויסער אויפשריפט: „דער עסטרייכיש-סערבי-שער קריעג". צווישען די פּאַסאַזשירען איז אויסגעבראָכען א קאַמפּף צוליב די עקסטרא-בלעטער — און וואָס דא האָט זיך אָבגעטהון איז שווער צו שרייבען. איינציגע האָבען ניט אויסגעוואַרט צוריק אריינצוקומען אין די וואַגאָנעס. דער צוג איז אָבגעגאַנגען און זיי זענען געבליבען ליידיגענדיג די נייעס.

מיר זענען אָנגעקומען קיין בערלין. דער וואָקזאַל איז געווען א בראַוזענדער ים פון מענשען-קעפּ. דער טומל, דער ליארם און גערויש לאָזט זיך נאָר ניט שילדערן. א פערפלייצונג פון עקסטרא-בלעטער. איינער שטעהט אויף א גע-שטעל און ליינט אין דער הויך אויף א קול דעם אינהאַלט פון די עקסטרא-דעפּעשען. דאָרט וויעדער א צווייטער און א דריטער. דא און דאָרט שטעהען גרופּעס און זינגען די „וואַכט אם רהיין", „דייטשלאנד, דייטשלאנד איבער אלעס", דעם עסטרייכישען נאַציאָנאַל-הימן א. אז. וו. מיט די עלענבויגענס און מיט דער אָנשטרענגונג פון דער גאַנצער קראַפט מוז מען זיך דורכשלאָגען א וועג דורך דער געדיכטער מענשען-מאַסע. איך קום ארויס אויף דער גאַס— וויעדער א מאָל מענשען-כוואַליעס, וואָס ברויזען און שטורמען, און נאָכאַמאָל עקסטרא-בלעטער. די גאַסען זענען בע-דעקט מיט פּאַפּיער ווי מיט א שניי, אויף אלע עקען שטעהען מענשען-הויפענס. מען רעדט, מען לייענט, מען וויכטיקולירט, מ'זינגט פּאַטריאָטישע ליעדער. קליינע 8—9 יעהריגע קינדער שטעהען און שמועסען וועגען די גע-שעהענישען. א צעהן-יעהריגער יונגעל ער-קלערט זיינע חברים, וואָס דא קומט פאָר.

— וויר געהען אין דען קריעג,— זאָגט ער.—וויר מאָביליזירען אונזער'ע אַרמעע, אונזערע קריעגס-פלאָטע.

אויף די אויטאָבוסען, אויף די טראַמ-וויי'ען איז געפעהרליך; מ'דריקט זיך און שטיקט זיך, מ'רייסט זיך פאַר א עקסטרא-בלאַט. די קאָפּעס זענען איי-בערפולט. איינחיינע און פאַר די טירען ליינען הויפענס בלעטער. די אויטאָ-מאָבילען פון „בערלינער טאַגעבלאַט", פון „לאָקאַל-אַנצייגער" און אנדערע צייטונגען פליהען ארום ווי די שדים און פערפלייצען די גאַסען מיט טויזענ-דער און טויזענדער עקסטרא-טעלעגראַ-מען. א סך מענשען הענגען זיך אָן אויף די אויטאָמאָבילען פון הינטען אָדער אויף די טריט-ברעטלאַך און רייסען ארויס די בלעטער, די אויטאָמאָבילען קענען זיך ניט ריהרען צוליעב דער איינגשאַפט.

וואָס ווייטער איהר קומט אריין אין צענטער פון שטאָדט, אין דער „סיטי", אלץ גרעסער איז די בעוועגונג אויף די גאַסען, דער טומל און דער ליארם. די רעדאַקציעס ווערען בעלאַגערט פון טויזענדער.

ארום 10 א זייגער האָבען זיך אָנגע-הויבען געוואַלדיגע מאַניפעסטאַציעס. פון בראַנדענבורגער טויער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום קעניגליכען שלאָס א פּראָצעסיע פון בערך 10 טויזענד מענשען, פון דאָרט זענען זיי געגאַנגען צום ביסמאַרק-דענקמאַל, שרייענדיג הוררא און זינגענדיג פּאַטריאָטישע ליע-דער און דעם נאַציאָנאַלען הימן. פון „אונטער דען לינדען" איז געקומען א צווייטע פּראָצעסיע פון טויזענדער דע-מאָנסטראַנטען מיט א ריעזיגען פלאַג אין דער מיטען. פון אנדערע זייטען זענען אָנגעקומען קלענערע גרופּעס. מ'האָט זיך פערבייניגט און מ'איז אוועק-געגאַנגען צו די געביידעס פון דער עסטרייכישער און איטאַליענישער באָט-שאַפט, וואו מ'האָט געמאַכט פּאַטריאָ-טישע מאַניפעסטאַציעס. מ'האָט געזונגען די נאַציאָנאַלע הימנען, געשריען הוך! אויפ'ן דייטשען קייזער און אויפ'ן קייזער פראַנץ-יאָזעף. מ'האָבען זיך אויך גע-הערט די גאַנצע צייט געשרייען „ניעדער מיט סערביען!" און פיינדליכע אויס-רופען געגען רוסלאנד. די רוסישע און סערבישע באָטשאַפט איז געווען ארום-גערינגעלט פון א שטאַרקער פּאָליצי-וואַך.

ביז שפּעט ביי דער נאַכט האָבען גע-דויערט די מאַניפעסטאַציעס. ווי אַלטע בערלינער תושבים דערצעהלען, האָט שוין בערלין ניט געזעהען אזא קריעגס-בעגייסטערונג, אזא שטימונג און אזעלכע דעמאָנסטראַציעס פון יאָהר 1870/71 אָן, ווען ס'איז אויסגעבראָכען דער פּרייסיש-פראַנצויזישער קריעג.

אויך אין אנדערע שטעדט אין דייטש-לאנד, בעזונדערס אין די קוראָרטען זענען פאָרגעקומען פּאַטריאָטישע דע-מאָנסטראַציעס.

בערלין, 27 יולי. I. Ug.

די שווערע סטראַטעגישע לאַגע אין באָסניען

ביז די לעצטע צייט האָט עסטרייך קאָנצענטרירט איהר גאַנצע מיליטער אין גאַליציען, ביי דער רוסישער גרע-ניץ, און אין געהען דאָרט דעמענדיג צוגעגרייט אויפ'ן פאַל פון אַנ'אַנפאַל. ביי דער סערבישער גרעניץ האָט זי געהאַלטען נאָר עטליכע פּאָלקען. צו-ליעב דעם האָט נישט עסטרייך גענוג סטראַטעגישע באַהנען צו קאָנען שיקען באַלד אַריבער מיליטער קיין סערביען. קיין באָסניען פיהרען נאָר 4 באַהנען און אין באָסניען אליין איז נאָר פאַר-האַנען 2 באַהנען. איין באַהן געהט פון זאַגרעב ביז באַנאַלוקי און איצט בויעט מען זי ביז סאַראיעוואָ און די צווייטע באַהן געהט דורך אָסטאַר קיין הערצאָ-גאָווינאָ און די דאָזיגע באַהן איז די גאַנצע „אייזענבאַהן-נעץ" אין באָסניען און אין הערצאָגאָווינאָ. פון דער באַהן געהען אָב צוויי צווייג-ליניען קיין סערבי-ען, איין ליניע קיין טוולאַ און די צווייטע קיין וואַרדליניאַ. און אזוי זעהן מיר, אז די ערשטע נויטיגקייט בעת א מלחמה—אייזענבאַהנען איז נישטאָ גענוג. אויסער דעם זענען די באַהנען זעהר שמאָלע און מען קאָן מעהר נישט אַבשיקען ווי 8 צוג א טאָג דאָס הייסט נישט מעהר, ווי 2 פּאָלקען א טאָג.

אויסער דעם דאַרף מען נאָך אכטונג געבען אויף די צוגען, וועלכע געהען דורך, אויף א וועג פון בערג און טהאָלען, בריקען און הויכע ערטער. יעדע מינוט דראָהט די באַהנען אויף דעם וועג א געפאַהר, ווייל זיי פאַהרען דאָך א דורך אין א לאַנד וואָס די בע-פעלקערונג איז נישט גוט געשטימט אויף עסטרייך און אויב מען וועט נאָר חרוב מאַכען איין בריק, קאָן שוין עסט-רייך נישט שיקען קיין מיליטער.

אויסער דעם אויף גאַנצען ווייט פון דער גרעניץ פון סערביען זענען די עסטרייכישע פעסטונגען נישט אזעלכע שטאַרקע. אינזונינג אין באָסניען-הער-צאָגאָווינאַ זענען פאַרהאַן נאָך 2 פעס-טונגען אין סאַראיעוואָ און אין מאָסטאַר-סאַראיעוואָ, וועלכע זענען די הויפּט פערבינדונג פון אלע וועגען, די דאָזיגע פעסטונגען זענען טעלעפאָניש פערביי-נינט מיט די פעסטונגען פון דער גרעניץ.

ביי דער צפון-גרעניץ פון סערביען, ביי עסטרייך-אונגאַרן האָט עסטרייך קיין שום פעסטונג נישט, די עסטריי-כער חאַזען, אז דאָרט וועט זיי פער-טהיידיגען דער דונאַי, וועלכער איז ברייט א ווייאָרסט און דער טייך סאַווע, וועלכער איז ברייט איבער 800 איילען. אויסער דעם רעכענט מען אין עסטרייך, אז די סערבען וועלען פריהער בעמיהען אריינצוקומען אין באָסניען און נישט קיין אונגאַרן.

אבער קוקענדיג אויף דער צאָהל מענשען זעהט סערביען אויס ווי א לילליפוט קעגען א ריזע. עסטרייך האָט ביז 52 מיליאָן מענשען און סערביען נאָר 4 און א האלבען מיליאָן.

די באַלקאַן-מלוכות און די מלחמה.

ווי די צייטונג „רוסק. סלאָוואָ" מעלדעט פון זעהר זיכערע קוועלען, זיינען די פּאָזיציעס פון די באַלקאַן-מלוכות צו דער עסטרייך-סערבישער מלחמה גאַנץ קלאָר.

בולגאַריען וועט בעשטימט בלייבען נייטראַל צום עסטרייך-סערבישען קאָנ-פליקט. אין די פּאָליטישע קרייזען פון בולגאַריען, ווי אין די רעגירונגס- אזוי אויך אין די אָפּאָזיציאָנעלע קרייזען איז מען פאַר א פאָלשטענדיגער נייטראַלי-טעט. די אָפּאָזיציע איז פאַר א קאַטעגאָרישער נייטראַליטעט, וועלכע רעזול-טאַטען דער קאָנפליקט זאָל נישט האָ-בען, ווייל זי האַלט, אז אריינמישען זיך וואָלט געווען פאַר בולגאַריען אונ-אומגליק. די נאַציאָנאַליסטען האַלטען אָבער, אז ביי געוויסע באַלקאַן-פער-וויקלונגען קאָן בולגאַריען נישט בלייבען פאָלקאָם נייטראַל.

רומעניען וועט נעהמען ארויסטרעטען אקטיוו לטובת סערביען, אָדער אין ערנסטען פאַל, בלייבען נייטראַל. די מאָבילזאַציע פון רומענישען מיליטער אפילו ווען רומעניען זאָל זיך נישט אריינמישען, וועט אָבשוואַכען די קרעפ-טען פון עסטרייך'ס מיליטער און וועט בעזונדערס צווינגען בולגאַריען זיך אָב-צוהאַלטען פון אָנפאַלען אויף סערביען.

גריכענלאנד וועט אויך נעהמען בלייבען נייטראַל און איהר הויפּט-אויפגאַבע וועט זיין שטערן בולגאַריען אָנפאַלען אויף סערביען.

משונאַגריען וועט אונטערשטיצען סערביען אקטיוו.

טערקיי האָט נאָך איהר פּאָזיציע נישט קלאָר געמאַכט. מען רעכענט אָבער, אז זי וועט בלייבען נייטראַל. רוסלאנד און פראַנקרייך האָבען גענ-געבען א קאַטעגאָרישע עצה דער טערקי-שער רעגירונג זיך נישט אריינצומישען אין סערביש-עסטרייכישען קאָנפליקט, ווען דאָס וואָלט געהאַט פאַר איהר שלעכטע פאָלגען.

בעלגראַד אַלס פעסטונגס-שטאָדט.

בעלגראַד איז אין מיטעל-אלטער געווען דאָס טויער צווישען אונגאַרן און טערקיי און אין 18-טען יאָהר-הונדערט איז זי געווען איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פון איירופּא. בעלגראַד ליעגט צווישען צוויי טייכען צווישען דער סאַווע און דונאַי און דאָס גיעט איהר צו אלס פעסטונגס-שטאָדט א בעזונדערע בעדייטונג. בעלגראַד האָט א בעפעלקערונג פון 70,000 איינוואָה-נער. דורך בעלגראַד געהט די וויכטיגע אייזענבאַהן-ליניע, בודאַפּעשט-סאָפיא-קאָנסטאַנטינאָפּעל מיט א צווייג-ליניע בודאַפּעשט-ניש-איסקיוב-סאַלאָניקי.

אין בעלגראַד געפינט זיך נאָך פעס-טונגען פון דער צייט ווען עסטרייך האָט געהערשט איבער דער שטאָדט (פון 1718 ביז 1739) די פעסטונגען בע-שטעהען פון אַנ'אָבער און אונטער פעס-טונג. דער אָבער-פעסטונג ליעגט אויף א 60 מעטער הויכער פעלזען-איבער דער סאַווע, די אונטער-פעסטונג ליעגט צווישען ביידע טייכען.

אלס פעסטונג האָט אָבער בעלגראַד איצט פערלוירען יעדע בעדייטונג. אלע פעסטונגס-בנינים קאָנען נישט ביישטעהן קעגען די איצט מאָדערנע האַרמאַטען, א נאַטירליכע פערשטאַרקונג פאַר דער פעסטונג איז דער טייך דונאַי און די סאַווע, אָבער דאָך איז עס אין היינטי-גען טאָג נישט אזא שטאַרק מיטעל, דען מיט טייך-קאַמפּף-שיפען קאָן מען אריבערגעהן איבער די טייכען.

זייט 1908 האָט מען די פעסטונג פערשטאַרקט מיט עטליכע נייע האַר-מאַטען אָבער די האַרמאַטען געבען נישט צו דער פעסטונג קיין שום בע-דייטונג.

דאָס איינציגע וואָס האָט א גרויסע סטראַטעגישע בעדייטונג אין די אייזען-באַהן-בריק איבער דער סאַווע, וועלכע געפינט זיך נעגען-איבער דעם אָבער-שטען פעסטונג, די בריק איז לאַנג 460 מעטער און 4 מעטער מיט 5 צענטימעטער ברייט. זי איז פון אייזען בעדעקט און איז אָפען פאַר יעדען פערקעהר. דורך דעם בערלינער אָבמאַך פון 1878 איז זי געוואָרען נייטראַלי-זירט, אָבער די סערבישע רעגירונג קאָן דאָך אויפרייסען די בריק ווען זי וויל.

צוליעב דעם וואָס בעלגראַד האָט אזא שוואַכע בעדייטונג אלס פעסטונג האָט זיך די קעניגליכע פאַמיליע מיט אלע מיניסטאָרען איבערגעצויגען קיין קראַגויעוואַץ.

ארום דער מלחמה.

ווי אזוי דער פּרעמיער-מיניסטער פּאַשיטש איז פּראָזערטירט געוואָרען צום טויט.

די בעלגראַדישער צייטונגען מעלדען מיט פאָלגענדע פאַקטען: פאַר 20 יאָהר האָט מען פּרובירט וועגען זיין נאָמען דעמאָלס האָט זיך דערנענטערט די פערשווערונג פון די ראַדיקאַלע ... מיט די ראַדיקאַלען געיאָגט דער קעניג מילאַן, איז האָט מען געחאַפּט און ארעסטירט נאָר איינער איז אנטלאָפען קיין עסטרייך דאָס איז געווען דער איצטיגער פּרעמיער פּאַשיטש, און ער איז ערשט צוריקגעקומען א הייך ווען דער קעניג מילאַן איז אראָב פון טראָן און עס איז ארויסגעגעבען געוואָרען אַנ'אַמנעסטיע. אין יאָהר 1890 איז דער קעניג מילאַן צוריקגעקומען קיין סערביען און גע-וואָרען דער אבער-קאָמאַנדיר איבער'ן מיליטער, אין יענער צייט איז א יעדער-טאָג האָט א גע-וויסער קנעצעוויטש געשאָסען אויפ'ן געוועזענעם קעניג מילאַן, ווען מען האָט קנעצעוויטש'ן גענומען אויפ'ן פערהער האָט ער דערצעהלט אז פּאַשיטש האָט איהם געדונגען אויסצופיה-רען דעם מאָרד. דאָס געריכט האָט דאַן פּאַ-שיטש'ן און קנעצעוויטש'ן פּראָזערטירט צום טויט. דורך דער תפיסה, אָבער א מאָדנע גליק האָט ער אויך דאָס מאָל געהאַט. קנעצעוויטש'ן האָט מען אויפגעהאַנגען און פּאַשיטש'ן האָט דער עקס-קעניג בעגנאַדיגט, און פון געפענג-געניש האָט מען איהם גלייך געפיהרט אין מיניסטעריום וואו ער האָט אנטייל גענומען אין א הויף-סיטאַנג. די ראַדיקאַליזם האָבען איהם דאָס נישט געמאַכט מיהד זיין איז ער איז תמיד איהם געטריי געבליבען. שפּעטער האָט ער תמיד געגעבען אנ'אַמטייל אנטייל אין דער פערשווערונג געגען דעם קעניגליכען מאַנדאַט און די קעניגין.

די פערפיהרטע מוטער

(54

אָדער

די אומגליקליכע טאָכטער.

א שפּאַנענדער ראָמאַן פון לאָדזער לעבען.

פרייס איז געזעסען א צוטראָגענער און האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך דא.

— געה צו דיין טאַטוש,—האָט פּלוצלונג דאָרא א זאָג געטהון אָנגעה-מענדיג דאָס קינד פאַר דער האַנד און צופיהרענדיג איהם צו פרייס'ן,—געה בעט איהם, אז ער זאָל נאָך ראַטעווען דאָס לעבען פון דיין מאַמע...

דאָס קינד איז צוגעגאַנגען צו איהם און איז א פאַל געטהון אויף זיין ברוסט. פרייס'ן האָט אָבער קיין זאַך ניט געריהרט, ער איז געשטאַנען האַרט ווי א שטיין.

— איך קען אייך גאָרניט העלפען,—האָט ער געזאָגט,—איך האָב אייך שוין געזאָגט ליקווידירט דאָס געשעפט, וועט איהר האָבען געלד, איך וועל צו-געבען א געהעריגע סומע, וועט איהר קענען גאַנץ רוהיג לעבען... איהר דאַרפט זיך ניט פערדרעהען קיין קאָפּ מיט געשעפט, ס'איז אויך פאַר אייך קיין ארבייט ניט...

דאָרא האָט אויף איהם א בייזען בליק געטהון.

— איז דאָס אייער לעצטעס וואָרט, הערר פרייס,—האָט זי א זאָג געטהון.

— מעהר האָב איך אייך ניט וואָס צו זאָגען,—האָט ער געענטפערט.

— אויף אזא אופן וועל איך מוזען אנדערע מיטלען אָנגעהמען,—האָט זיך דאָרא אָנגערופען,—איהר האָט אויפ'ן נאָמען פון אייער קינד פערשריעבען א טייל פון אייער פערמעגען. איך וועל זעהען, אז איהר זאָלט איהם זיין טייל אָבגעבען. דעם דאָקומענט האָב איך ביי זיך...

— אלענפאַלס קענט איהר קיין אָפּזאָגען ניט זיין איבער איהם,—האָט פרייס אין א זעהר אויפגערעגטען טאָן געענטפערט,—דאָס געלד קען מען פער-לאַנגען פון מיר אין א גאַנץ בעזונדערס אויסערגעוועהנליכען פאַל.

פרייס איז וואָס א מאָל אויפגערעגטער געוואָרען.

— מיט אזעלכע מיטלען,—האָט ער א זאָג געטהון,—וועט איהר מיך אלענפאַלס ניט צווינגען, אז איך זאָל אויף אייך פערשווענדען מיין פערמעגען... אייך קען איך העכסטענס געבען... א גרויסע נדבה..

דאָרא איז א אויפגערעגטע אויפגעשפּרונגען. זי האָט איננאַנצען געציטערט פון צאָרן, אָבער איידער זי האָט איהם בעליידיגונג, האָט זיך געעפנט די טיר פון קאָנטאָר, און ס'איז אריינגעקומען זאָסיא, א קוק טהוענדיג אויף פרייס'ן איז זי געבליבען שטעהן בלאַס ווי דער טויט ניט קאָנענדיג ארויסריידען קיין וואָרט און ציטערנדיג מיט אלע גליעדער. דאָרא האָט אין דער גיך ארויסגעפיהרט דאָס קינד און האָט עס איבערגעגעבען יאַנקעל דעם וועכטער, וועלכער האָט גע-וואַרט אין קאָנטאָר; צוריק האָט זי נאָך געטראָפען זאָסיא'ן שטעהענדיג ווי א געלייהמטע אויפ'ן זעלביגען אָרט.

פרייס איז שוין געשטאַנען גרייט וועקצוגעהן, נאָר בעגעגענענדיג זיך מיט זאָסיא'ן האָט ער נאָך געוואַרט, כדי ניט צו מאַכען דעם איינדרוק, אז ער וויל אנטלויפען מורא האָבענדיג פאַר איהר. ס'איז געווען א אויסערגעוועהנליך אינ-טערעסאַנטער מאָמענט, ווען די דריי פּערזאָן זענען געשטאַנען שווייגענדיג און ניט קוקענדיג איינע אויף די אנדערע.

עטליכע סעקונדען האָט עס געדויערט.

— מאַמא,—האָט זאָסיא פּלוצלונג איבערגעריסען דאָס שטיל שווייגעניש,— דו קענסט זיך נאָך אזוי פיעל ערניעדריגען און אויפנעהמען ביי זיך אונזער ערגסטען שונא, דעם מערדער פון אונזער פאָטער...

— פרייל'ן בלומענטאַל,—האָט פרייס געוואָלט איהר אָבשטעלען, פיהלענ-דיג זיך בעליידיגט פון איהרע ווערטער.

אָבער זאָסיא האָט איהם ניט געלאָזט אויסריידען.

— איהר זענט א ניעדערטרעכטיגער מענש, האָט זי אויסגערופען,—איהר האָט אונגליקליך געמאַכט אונזער גאַנצע פאַמיליע, און איצט האָט איהר נאָך די העזה און די אונפערשעמטקייט צו ריידען וועגען א נדבה געבען...

מיט איין שפּרונג איז זי צוגעלאָפען צו דער טיר און האָט זי געעפענט.

— ארויס פון דאַנען, מערדער! — האָט זי א געשריי געטהון.

זאָסיא איז וואָס א מאָל אריינגעקומען אין א גרעסערע אויפרעגונג. זי האָט געציטערט איננאַנצען. זי איז אויך צוגעגאַנגען צום פענסטער ... פרייס מורא האָבענדיג, אז זי זאָל ניט מאַכען קיין עפענטליכען סקאַנדאַל, האָט לאַנג ניט געוואַרט ...

— ארויס, מערדער!—האָט איהם זאָסיא נאָכגעשריען.

מוטער און טאָכטער זענען איצט געבליבען אליין.

— מיין קינד, מיין קינד,—האָט זיך דאָרא אָנגערופען,—וואָס האָסטו געטהון.

זאָסיא האָט אויף איהר פערוואונדערט א קוק געטהון.

— וואָס האָט דער מענש פאַר א שייכות צו אונז, — האָט זי אויסגערו-פען,—ווי קומט ער אהער?

— ער העלפט אונז, ער אונטערשטיצט די פירמע שוין א צייט מיט יאָהרען,—האָט דאָרא געענטפערט.

— בעסער געהן בעטלען איבער די הייזער,—האָט זאָסיא געזאָגט,—איי-דער צו נעהמען הילף פון דעם מענשען, וואָס האָט אונזער טייערען פאָטער פאַר דער צייט אין דער ערד אריינגעטריבען.

איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרעהרען, איהר שטימע האָט געציטערט בעת זי האָט דערמאָהנט דעם פאָטער. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגען דאָרא'ן, אָבער זי האָט דעם מוט ניט געהאַט ארויסצוזאָגען דאָס, וואָס האָט אזוי געדריקט איהר הארץ, און איז אוועקגעגאַנגען.

57. ער פערטרייבט דאָס קינד.

פרייס האָט נאָכ'ן לעצטען בעגעגעניש מיט דאָרא'ן בעשלאָסען איינמאָל פאַר אלע מאָל מאַכען א סוף צו דער אונאָנגענעהמער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז ס'וועט איהם ניט אזוי גרינג אָנקומען צו בעפרייען זיך פון דאָרא'ן מיט איינמאָל. אָבער ער האָט זיך איצט ענערגיש גענומען אָבצוזאָרגען פון זיך דעם עול, וואָס האָט איהם פערזאָמערט זיין לע-בען און האָט איהם קיין רוה ניט געגעבען. ער האָט בעשלאָסען צווינגען זי מיט אלע מיטלען ארויסצופאָהרען פון לאָדז, און דאַן, האָט ער גערעכענט, וועט איהם שוין לייכט זיין איבערצורייסען אלע בעציהונגען מיט איהר.

ס'איז אָבער נאָך געווען א לעבעדיג בעשעפעניש אין לאָדז, וואָס האָט איהם זעהר פיעל צאָרן און דאגות פערשאַפט. דאָס איז געווען זיין קינד, וואָס האָט זיך ערצויגען ביי יאַנקעל דעם וועכטער. פרייס האָט ערשט איצט איינגע-זעהען, וואָס פאַר א געפאַהר עס דראָהט איהם פון דער זייט. נאָך דער סצענע, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין קאָנטאָר, בעת דאָרא האָט געלאָזט ברענגען דאָס קינד, האָט פרייס אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אז אויך דאָס קינד וועט איהם נאָך פערשאַפען גענוג עגמת נפש און יסורים. ביז א העך האָט ער נאָר געהאַט א פליכט צו צאָהלען יאַנקלען פאַר דער ערציעהונג פון קינד; ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געקימערט און האָט אפילו ניט נאָכגעפרעגט, צי דאָס קינד לעבט. איצט איז איהם קלאָר געוואָרען, אז עס וואַקסט פאַר איהם א נייע געפאַהר.

ער האָט דעריבער בעשלאָסען אויך דאָס קינד מיט זיינע ערציעהער צו דערווייטערן פון לאָדז. ער האָט זיך גענומען צו יאַנקעל דעם וועכטער און האָט איהם אָנגעהויבען סטראַשען, אז ער וועט איהם אויפהערען צאָהלען און וועט בכלל ביי איהם צונעהמען דאָס קינד, אויב ער וועט ניט ארויספאָהרען פון לאָדז.

(פערטזעצונג קומט)

וויטער'דיגע מלחמה-דעפעשען.

ארעסטירט א סערבישען מאיאר.

וויען (ספעציעל) מען האט ארעס-טירט דעם סערבישען מאיאר מארטי-נאוויטש, נאר שפעטער האט מען איהם צוריק בעפרייט.

אונטער דער שוץ פון דער רוסישער באטשאפט.

וויען (פ.) צוליעב דעם, וואס עס זענען איבערגעריסען געווארען די דיפ-לאמאטישע בעציהונגען צווישען סערביען און עסטרייך, האט די רוסישע באט-שאפט איבערגענומען אונטער איהר שוץ די סערבישע אונטערטאנען, וועלכע וואוינען אין עסטרייך.

אבגעפאהרען דער סערבישער באטשאפטער.

וויען (פ.) דער סערבישער באט-שאפטער איז אין דער פריה געפאהרען קיין בעלגראד.

די פריוואטע בענק אין וויען.

וויען (פ.) די היעזיגע פריוואטע בענק האבען בעשלאסען צו לאזען די

דיסקאנטא ווי ס'איז געווען ביז איצט.

אויף א אודיענץ ביים קייזער.

אישל (פ.) דער עסטרייכישער באט-שאפטער אין בעלגראד איז אנגענומען געווארען אויף א אודיענץ ביים קייזער פראנץ-יאזעף.

עסטרייך וויל נישט קיין שלום.

וויען (ספעציעל) די שפאנונג האט דא דערגרייכט דעם העכסטען פונקט. אפיציעל ווערט מיטגעטיילט, אז אלע בעמיהונגען אבצוהאלטען די מלחמה-אפעראציעס וועלען נישט האבען קיין ערפאלג, קיין שום ווייטערע אריינמישונג קאן נישט שטערען די מיליטערישע שריט פון עסטרייך. עסטרייך וועט זיך נישט אריינלאזען אין קיין שום אונ-טערהאנדלונגען, ווייל זי רעכענט, אז מיט די אלע אונטערהאנדלונגען וואלט זי נאר געטהון א טובה סערביען, וועל-כע וואלט דערווייל פערדיענט צייט איוף צו ענדיגען איהרע קריעגס-הכנות.

גען דעם, אז די פרידענס-פאליטיק האט זיך געענדערט, איז א פאלשע. פון וואנען ס'זאל נישט שטאמען די פראגע אויסצופראבירען אונזער הסכם מיט אונזערע פריינד, זענען מיר גרייט עס צו בעהיטען מיט אונזער גאנצער קראפט, ווי מיר האבען עס ביז איצט געטהון. אונזער אינטערעס איז אונזער חוב; אונזער כבוד פאדערט דאס פון אונז. ענגלאנד וועט זיך נישט וואקלען צו געבען אנ'ענטפער, וואס זי פאדערן.

דער קאיא-פראצעס.

פאריז (פ.) דער דאקטאר דואיען ערקלערט, אז קאלמעט איז נישט געווען שטערבליך פערוואונדעט. ער איז געשטארבען, ווייל מ'האט איהם צו שפעט געמאכט די אפעראציע. פראפעסאר פאצי פראטעסטירט, אנווייזענדיג, אז דואיען רעדט, ווי א סטו-דענט פון ערשטען קורס, צוליעב

בערנשטיינס ערקלערונגען זאגט קאיא, אז דער, וואס האט זיך נישט צוגע-שטעלט צו מיליטער-דיענסט, האט נישט קיין רעכט ארויסצוגעבען זיט-ליכקייטס-אטעסטאטען.

בערנשטיין פראטעסטירט, ערקלע-רענדיג, אז אין פאל פון א מלחמה, רופט מען איהם אויפ'ן פיערטען טאג. קאיא דארף אין זינען האבען, זאגט בערנשטיין, אז אויף מלחמה וועט ער דארפען שיקען אליין און נישט שיקען די פרוי.

אין זאל קומט פאר א מאניפעסטאציע צוליעב וואס די זיצונג ווערט געשלאסען.

דער קראנפרינץ אין אישל.

אישל (פ.) דעם 15-טען יולי איז געקומען דער ערצהערצאג קארל-פראנץ-יאזעף און איז אויפגענומען געווארען פונ'ם קייזער פראנץ-יאזעף.

בודאפעשט (פ.) ס'זענען ארויס-געפאהרען קיין בוקארעסט דער סער-בישער גענעראל-קאנסול און דער וויצע-קאנסול.

די אויסזיכטען אויף שלום.

פעטערבורג (ספ.) די אויס-זיכטען אויף שלום פערשטארקען זיך. די דיפלאמאטען האבען געלאזט אין גאנג אלע מעגליכקייטען, כדי אבצו-האלטען פון א מלחמה.

די היעזיגע דיפלאמאטען זענען איבער-צייגט, אז אויב ס'וועלען דורכגעהן נאך צוויי טעג אהן בלוט-פערגיסונגען, איז דער שלום געזיכערט.

פעטערבורג (ספ.) דער ארויס-טריט פון ענגלאנד און איטאליען אין דער ראליע פון פערמיטלער פערגרע-סערט די אויסזיכט, אז עסטרייך וועט מסכים זיין איבערצוגעבען איהר סכסוך מיט סערביען א שלום-קאנפערענץ פון די מלוכות.

שלום-בעמיהונגען.

לאנדאן (ספעציעל). דער פרעמ-יער-מיניסטער אסקוויט און דער אוי-סערן-מיניסטער גריי, האבען נעכטען צוזאמענגערופען א קאנפערענץ פון אלע באטשאפטער פון די אויסלענדישע מלוכות. ס'איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען דעם ס'רביש-עסטרייכי-שען קאנפליקט און וועגען דער שלום-פערמיטלונג. ס'איז בעשטעטיגט געווא-רען, אז ביז איצט האבען אלע מלוכות, אויסער רוסלאנד און דייטשלאנד, מסכים געווען צו א שלום-פערמיטלונג.

צווישען די דיפלאמאטישע קרייזען הערשט א אפטימיסטישע שטימונג. דא-נעגען ווערט די פאניק צווישען די האנדעלס-קרייזען וואס א מאל שטאר-קער.

